"שמע ישראל ה' אלקינו ה' "אחד

קונטרס

# דורשי יחודך

שיחות ומאמרים
מאת
הגה"צ רבי **יעקב מאיר שעכטער** שליט"א

מאמר
'הלל והודאה'

אידיש

מועתק מלשונו הזהב

מאמר כ"ד
חודש כסלו שנת תשפ"ד לפ"ק

אזוי ווי די הוצאות שטייגן כסדר, ווילן מיר בעטן אז ווער עס קען זאל
**זיך משתתף זיין בעין יפה כדי מיר זאלן קענען ווייטער ממשך זיין ביתר שאת**
איר קענט אריינרופן אין אפיס **718-586-5199** אדער טעקסטן צו **347-292-1014**
אדער אטעמאטיש דורך רופן **845-366-2793 #6054**

לשמיעת המאמר מפי מורינו הגה"צ שליט"א, ולהערות והארות
**קול דורשי יחודך**
**718-586-5199**
**בא"י 0765997840**
~ ~ ~
ניתן לקבל מידי חודש הקונטרס באימעל: dyyms12@gmail.com
וכן ניתן לקבל את הקונטרס דרך הדואר, במחיר חודשי של $20 עבור הוצאת עריכת הקונטרסים
נא להשאיר הודעה בקול דורשי יחודך נומער 9

©
כל הזכויות שמורות

מורינו הגה"צ רבי יעקב מאיר שעכטער שליט"א
מכון דורשי יחודך

נסדר לדפוס ע"י:
ישר
Publishing & Production
718.484.2189

# תוכן המאמר


די עבודה פון חנוכה: אַנערקענען און לויבן דעם באשעפער! ........א
צוריק לעבעדיג געמאכט דעם לייב...........................................ב
געווארן א טייל פון דעם 'כסא הכבוד' ............................ד
לעבן א לעבן!............................................................ו
ווערן זעלבסט א חנוכה ליכטל ..........................................ו
זוכה זיין צו רוח הקודש דורך א געשמאקע בענטשן! .................ז
לעתיד - די גאנצע בריאה וועט זינגען ..................................י
נישט געוואלט אויפוועקן דעם האָן.........................................יא
מיט קליפת יון איז נישט קיין לעבן ......................................יב
מנצח געווען דעם ס"מ אליין .............................................יג
"וְלֹא תְכַבֶּה אֶת נֵר יִשְׂרָאֵל" ............................................טו
וואו איז מיין געזאנג? ........................................................טז



**חלק מהוצאות נתנדב**
**לע"נ שר הצדקות והחסד**
הרה"ח ר' **חיים דוב (בער)** ע"ה ב"ר **חנני יו"ט** הי"ו
**(מייזעלס)**

# מאמר כ"ד

## הלל והודאה

### חנוכה תשס"ז לפ"ק

**די עבודה פון חנוכה: אַנערקענען און לויבן דעם באשעפער!**

**ה' שפתי תפתח ופי יגיד תהילתך.** דוד מלך ישראל זאגט[א]: **"כִּי אַתָּה תָּאִיר נֵרִי, ה' אֱלֹקַי יַגִּיהַּ חָשְׁכִּי"** - ער מאכט ליכטיג אין מיין פינסטערניש.

דער הייליגער רבי זאגט אין דעם צווייטן חלק ליקוטי מהר"ן[ב]: אין חנוכה איז דא צוויי זאכן: **"הודאה"** - להודות ולהלל לשמו יתברך. **"ולהכיר אותו יתברך"** - האבן א הכרה אין השם יתברך.

אט דאס איז דער מציאות פון חנוכה פון די נרות, דארטן שיינט דעם 'אור הגנוז', עס שיינט א הכרה פון השגות אלקות, וואס בשעת מען צינדט אָן דער גשמיות'דיגע פתילה מיט דעם 'נר שמן' וועגן 'אשר קדשנו במצוותיו', קומט אראפ א הארה פון דעם 'אור הגנוז', א הארה פון בית המקדש ממש, וואס דאס ווערט נמשך ביי יעדן איינעם אין שטוב; א הכרה אין 'השגות אלקות', און אין 'להודות ולהלל' 'ופרסומי ניסא'.

---

**א.** תהלים יח, כט.

**ב.** ליקוטי מוהר"ן תניינא תורה ב': **ימי חנוכה, הם ימי הודאה**, כמ"ש וקבעו שמונת ימי חנוכה אלו להודות ולהלל וכו'. וימי הודאה, זה בחי' שעשוע עוה"ב. כי זה עיקר שעשוע עוה"ב, להודות ולהלל לשמו הגדול ית', **ולהכיר אותו ית'**, שעי"ז סמוכים וקרובים אליו ית'. כי כל מה שיודעין ומכירין אותו ית' ביותר, סמוכין אליו ביותר. כי שאר כל הדברים, יתבטלו לעתיד כולם, בבחי' כל הקרבנות בטלין חוץ מקרבן תודה (מ"ר צו פ"ט אמור פ' כ"ז ע"ש). שלא ישאר לעתיד רק בחי' תודה והודאה, להודות ולהלל ולדעת אותו ית'. כמ"ש (ישעיה יא, ט) כי מלאה הארץ דעה את ה' כמים לים מכסים, שזה כל שעשוע עוה"ב.

אט דאס דארף ארייַנשייַנען אין דעם מענטש ווען ער צינדט אָן די חנוכה ליכט, אז ער דארף ווערן א 'נר', ער דארף אלייַנס ווערן אַן 'אור', א "**בְּהִלּוֹ נֵרוֹ עֲלֵי רֹאשִׁי**"[ג], ער דארף דורכדעם ארייַננעמען אין זיך א הכרה אין דעם בורא עולם, א הכרה אין 'להודות ולהלל', אט דאס איז די ארבעט און די כונה ביים אנצינדן די חנוכה ליכט און ביי דער האלבער שעה ווען עס שייַנט דער אור ממש! מען דארף דעמאלטס מתפלל זייַן און אויסבעטן און בענקען צו נתעלה ווערן און ווערן א 'בעל הכרה' און א 'בעל הודאה'[ד].

## צוריק לעבעדיג געמאכט דעם לייב

אז א מענטש עסט און ער איז מכיר און ער ווייסט אז דער אויבערשטער איז אים "זן ומפרנס בחן בחסד וברחמים ובכבוד", און אז ער האט פאר אים 'מחיה מתים' געווען די צמחים, און אז אלעס וואס ער עסט האט אים דער אויבערשטער געגעבן, ער האט אים עורך געווען א שולחן, און דער מענטש דאנקט אים, ער איז נישט סתם אַן "**אני וחמורי נאכל באבוס אחד**"[ה]. און דאס זעלבע, אז א מענטש לייגט זיך שלאפן און ער גלויבט באמונה שלימה אז דער אויבערשטער איז "מפיל חבלי שינה על עיניו ותנומה על עפעפיו"

---

**ג.** איוב כט, ג.

**ד.** עיין באוסף אמרים (חנוכה מאמר ה') וז"ל מורינו שליט"א: כל השבח והודאה שמשבחים אותו ישראל למטה, נעשה תיקונים בכל העולמות, ועל ידי כן מתפשט האלוקות בכל העולמות. והפלא גדול ביותר, שקבע השי"ת שאנו בני ישראל הם הממליכים אותו ית"ש, וכמו שאיתא בזה, שיש שתי בחינות בהשי"ת כביכול, בחינה אחת היא עצמותו יתברך שמו, שאין ברא שיכול להשיגו, והבחינה השניה היא גילוי האלוקות בעולמות, איך שזיו השכינה מאיר בעולמות, וקבע השי"ת וכרת ברית שגילוי האלוקות בעולמות ייעשה רק על ידי מעשה בני ישראל, והוא סוד עליון אשר השי"ת לא גילה זאת.
ומשלו בזה משל שכאשר מבקשים להרים כותל, כשמרימים אותו מלמטה, עי"כ מתרומם כל הכותל, וכמו כן ההמלכה בזה העולם ע"י זרע ישראל, שאמנם הוא ממקום הכי נמוך אבל עי"ז מגביהין כל העולמות. וזהו תכלית הבריאה, ותכלית התיקון של עין לא ראתה אלקים זולתך, יעשה למחכים לו, וכל זה נפעל ע"י עבודתנו.

**ה.** פסחים קיח ע"א.

וואס ווען נישט דעם וואלט ער מתמוגג (- צעגאנגען) געווען, ווייל ווען דער אויבערשטער גיט אים ווען נישט צו עסן שטארבט ער פון הונגער בפועל ממש - ווען א מענטש ווייסט דאס קלאר און ער דאנקט פאר דעם און ער לויבט פאר דעם - **אט דאס איז א מענטש!**

אט דאס איז א 'בעל הכרה'!

אט דאס איז טייטש 'לעבן'! אט דאס איז טייטש 'לעבן'!

אז ער דאנקט דעם אויבערשטן און ער לויבט דעם אויבערשטן און ער שפירט ווי דער אויבערשטער גיט אים 'בחן בחסד וברחמים' כל צרכיו, ער איז אים 'פוקח עורים', 'מלבוש ערומים', 'זוקף כפופים', און אלעס, דאן ווערט זיין לעבן מקושר מיטן אויבערשטן, ער זעט פאר זיך א ליכטיגע וועלט! א ליכטיגע וועלט! ער קומט צו צו אזא התקרבות אלקות וואס איז נאך אסאך העכער ווי דאס גשמיות'דיגע עסן און ווי דאס גשמיות'דיגע טרינקען 'לאין ערוך'!

אט דאס הייסט 'געלעבט', אז נישט הייסט דאס ממש נישט געלעבט. אז נישט איז מען 'בלי הכרה', מען איז 'נחשב כמת', אזוי ווי איינער וועלכער ליגט 'בלי הכרה' (- באוואוסטלאז), 'חייו אינם חיים'[ו].

ווען א מענטש איז 'מכיר בבוראו', איז ער אַן 'איש חי', אבער אָן דעם 'דעת' איז מען אזוי ווי א 'בעל חי'... א בעל חי קען מען טון די גרעסטע טובות און ער קען נאכדעם אפ'הרג'ענען דעם מענטש. דאס איז אינגאנצן בלי הכרה, דאס איז נישט בגדר אדם.

עס איז דא א מדרש[ז], א מענטש האט אמאל געהאט א סם וואס האט געהאט אין זיך א סגולה אז עס קען מחיה זיין א מת. איז ער

---

ו. עיין שיחות הר"ן נ"ג.

ז. מדרש תנחומא (ווארשא) פרשת חקת סי' א': מעשה באחד שהיה הולך מארץ ישראל לבבל כשהיה אוכל לחם ראה שני צפרים מתנצים זה עם זה הרג אחד מהן את חברו הלך והביא עשב והניחו על פיו והחיהו, הלך אותו האיש נטל אותו עשב שנפל מן הצפור

געגאנגען מיט דעם און ער האט געטראפן א גע'פגר'טן לייב און האט אים מחיה מתים געווען. איז געגאנגען דער לייב און האט אים אויפגעגעסן רחמנא ליצלן... - אט דאס איז א בעל חי. א מענטש מיט הכרת הטוב איז א 'בר דעת', אז נישט איז מען אינגאנצן נישט קיין 'בר דעת'.

## געווארן א טייל פון דעם 'כסא הכבוד'

די אמונה הקדושה מאכט לעבעדיג דעם מענטשן, אזוי ווי עס שטייט[ח], חבקוק האט געזאגט: "**וְצַדִּיק בֶּאֱמוּנָתוֹ יִחְיֶה**" - ער 'לעבט'! אבער אויב ער האט נישט די אמונה, ער האט נישט די הכרה, דאן גייט ער נישט אריין בגדר חיים, זיין חיים איז קיין חיים נישט, זיין גשמיות איז אפגעריסן פון השם יתברך. און אז ער האט יא די הכרה, איז ער ממש מקושר צום אויבערשטן - מיט זיין עסן, מיט זיין טרינקען, מיט זיין שלאפן - אלעס איז ריין אלקות!

בשעת ער שפירט זיך "**כְּגָמֻל עֲלֵי אִמּוֹ**"[ט] - אז דער אויבערשטער גיט אים דאס, איז דאס עסן אים מקדש ומטהר, דאס שלאפן איז אים מקדש ומטהר, אלע גשמיות זענען אים מקדש ומטהר! דאס איז דער תכלית התמימות, דאס איז די התחלה פון התקרבות אלקות, אָן דעם האט מען נאכנישט אנגעהויבן צו לעבן.

איך זאג אלעמאל, קוק אויף יעקב אבינו, דער אויבערשטער איז דאך מעיד אויף אים אז ער איז געווען אַן "**אִישׁ תָּם**"[י], די דרגא פון יעקב אבינו איז דאך געווען אזוי ווי אדם הראשון קודם

הלך להחיות בו את המתים כשהגיע לסולמה של צור מצא אריה מת מושלך בדרך והניח אותו העשב על פיו והחיהו עמד הארי ואכלו, מתלא אמר בן סירא טב לביש לא תעביד ובישא לא ימטי לך.

**ח.** חבקוק ב, ד.

**ט.** תהלים קלא, ב.

**י.** בראשית כה כז.

החטא![יא] בתכלית השלימות! ער איז געווען דער 'בחיר שבאבות'! על כל פנים, זיין רייכקייט ברוחניות ובגשמיות איז געווען 'אין ערוך' ממש, ער האט געהאט ששים רבוא סטאדעס[יב], ער האט געהאט אזא גרויסן רכוש אז ער האט געמוזט אנטלויפן פון עשו'ן פון ארץ ישראל ווייל זיי האבן נישט געקענט זיין צוזאמען[יג]. [דאס איז דאך אלץ געווען אלקות, אזוי ווי מען זעט ביי די פכים קטנים אז דארט איז געווען באהאלטן דער סוד פון חנוכה[יד]]. איז פאר זיין הסתלקות - וואס ווער האט א השגה וואו יעקב אבינו האט געהאלטן?! - האט ער געזאגט מיט אזא מין תמימות: **"הָאֱלֹקִים הָרֹעֶה אֹתִי מֵעוֹדִי עַד הַיּוֹם הַזֶּה!"**[טו] - א פלא'דיגע זאך; פון זינט ער איז געבוירן געווארן און ער האט יונק געווען 'משדי אמו' און געגעסן און געטרינקען - דאס איז אלץ דער אויבערשטער! דאס איז אלץ דער אויבערשטער!

דערפאר, נאר אזא מין "כגמול עלי אמו" ביים אויבערשטן אין האנט, נאר אזא איינער איז 'דמות דיוקנו חקוק בכסא הכבוד'[טז]. ווייל דאס איז דער ריכטיגער 'בן אדם', דער ריכטיגער **"על דמות הכסא דמות כמראה 'אדם' עליו מלמעלה!"**[יז] אט דאס איז תמימות! אט דאס איז א ריינע אמת!

נאר אזוי הויבט מען אָן צו לעבן!

אז נישט גייט מען נישט אריין בגדר 'חי'!

---

**יא.** זוהר הק' ח"א קמ"ב ע"ב.

**יב.** בראשית רבה פע"ג י"א.

**יג.** בראשית לו, ז

**יד.** עיין מגלה עמוקות פר' מקץ, ובפר' ואתחנן אופן ס"ו.

**טו.** בראשית מח טו.

**טז.** תיקוני זוהר תיקון כ"ב.

**יז.** יחזקאל א, כו.

## לעבן א לעבן!

עס שטייט אין מדרש תנחומא[יח]: "**רשעים בחייהם נקראים מתים**"; פארוואס? ווייל אז ער שטייט אויף יעדן אינדערפרי, 'החמה זורחת' - די וועלט איז ליכטיג, און ער מאכט נישט קיין ברכה 'ברוך יוצר המאורות', דערפאר איז ער 'חשוב כמת'; און אז עס קומט פארנאכטס, די זון גייט אונטער - 'השמש שוקעת', און ער מאכט נישט קיין ברכה 'ברוך אתה ה' אשר בדברו מעריב ערבים בחכמה פותח שערים ובתבונה משנה עתים', איז ער א מת. דערפאר איז "רשעים בחייהם נקראים מתים".

דאס איז די ארבעט פון חנוכה - אנהויבן צו לעבן! אנהויבן צו לעבן אמונה! הכרה אין בורא עולם! א הכרה אויף ווי ווייט דער אויבערשטער פירט דער וועלט! אָן דעם אויבערשטן האט מען גארנישט! דעמאלטס זעט מען א ליכטיגע וועלט, א לעבעדיגע וועלט, עס איז נישט קיין וועלט וואס לויפט ווי א מאשין וואס דער מאטאר ארבעט פון זיך אליין... מען זעט אז די וועלט לעבט, מען איז ממשיך ישועות.

ווען מיר זאלן דאנקען און לויבן, וואלטן מיר ממשיך געווען א וועלט מיט ישועות - נאך אסאך אסאך מער ווי פון תפילה! און די תפילה אליין וואלט געווען אַן אנדערע סארט תפילה (- בלי עצבות).

## ווערן זעלבסט א חנוכה ליכטל

דער הייליגער רבי זאגט אין ליקוטי מוהר"ן סימן רל"ב[יט]: ווען א מענטש זאגט ביי פסוקי דזמרה[כ]: "**הַלְלוּ אֶת ה' מִן הַשָּׁמַיִם, הַלְלוּהוּ**

---

**יח.** זאת הברכה ז.

**יט.** וזה לשונו: בשעה שאומר הללו את ה' מן השמים וכו' הללוהו כל מלאכיו הללוהו כל צבאיו וכו'. אזי האדם קורא לכולם ומצוה לכולם שיהללו את ה'. **ומזה ראוי לאדם להתעורר לתפילה בכוונת הלב, מאחר שבתפילתו קורא לכל העולמות להללו ולשבחו יתברך.**

**כ.** תהלים קמח א' – ד'.

**בַּמְּרוֹמִים, הַלְלוּהוּ כָל מַלְאָכָיו, הַלְלוּהוּ כָּל צְבָאָיו, הַלְלוּהוּ שֶׁמֶשׁ וְיָרֵחַ, הַלְלוּהוּ כָּל כּוֹכְבֵי אוֹר, הַלְלוּהוּ שְׁמֵי הַשָּׁמָיִם וְהַמַּיִם אֲשֶׁר מֵעַל הַשָּׁמָיִם**", רופט ער דאך דעמאלטס אויס: "**בריאה, בריאה, זינגט צום אויבערשטן, זינגט צום בורא עולם, דאנקט און לויבט דעם בורא עולם!**". דערפאר, זאגט דער רבי, איז ראוי מען זאל זיך דעמאלטס מעורר זיין פון דעם וואס איך רוף אויס אז זיי זאלן זינגען!

'זיי' זאגן טאקע שירה, אבער איך זאג עס זיי, איך זאג - 'זינגט, זינגט פאַרן בורא עולם, דאנקט און לויבט דעם בורא עולם!' אונזערע דיבורים איז דאך חשוב'ער ווי אלעס! דורך דעם ווערט מען אליין נתעלה צו דאנקען און לויבן מיט א געוואלדיגע התחדשות. 'זיי' באקומען א התעלות, און 'מיר' באקומען א התעלות, דעריבער האט עס דוד המלך געזאגט.

דאס איז א געוואלדיגער יסוד וואס איז ממש א התחלה צו אידישקייט – 'חנוכה' איז א התחלה צו אידישקייט! מיר דארפן ווערן א חנוכה ליכטל! א חנוכה ליכט וואס מען צינדט עס קיינמאל נישט אָן, ווערט פארפאלן, עס ווערט גארנישט דערפון - מיר דארפן אנצינדן אונזער נר! "**כִּי אַתָּה תָּאִיר נֵרִי, ה' אֱלֹקַי יַגִּיהַּ חָשְׁכִּי" - מאך מיר ליכטיג!**

רבונו של עולם מאך מיר ליכטיג!

אויב איך ווייס נישט אז דער אויבערשטער פירט דער וועלט און איך דאנק נישט אויף יעדער זאך, איז מיין לעבן קיין לעבן נישט, עס איז ניתוק (- אויסגעשאַלטערט), סיי זיך אליין, מיט דער גשמיות צוזאמען, דאס איז 'ניתוק'.

## זוכה זיין צו רוח הקודש דורך א געשמאקע בענטשן!

עס שטייט פון אר"י הקדוש[כא], אז א מענטש איז 'מברך על מאכלו', איז נישט נאר אז דאס עסן איז אים נישט מגשם, נאר דאס

**כא.** שער רוח הקודש ח' ע"ב, וז"ל: כי **עיקר השגת האדם אל רוח הקודש תלויה ע"י כונת האדם וזהירות בכל ברכת הנהנין**. לפי שעל ידם מתבטל כח אותם הקליפות הנאחזות

עסן איז אים מזכך אז ער זאל זוכה זיין לרוח הקודש בשעת ער דאנקט דעם אויבערשטן פאר זיין ברויט[כב].

דאס איז דער 'זה השער לה''! דאס איז די התחלת התמימות בתכלית התמימות! **דאס איז דער גאנצער איד!** פון דעם באקומט ער אַן אנדער מוח, דאס לערנען איז אַן אנדער לערנען, די הבנה אין לערנען איז אנדערש, אזוי ווי דער רבי זאגט[כג], "תודה והודאה איז בחינת הלָכה". עס איז אַן אנדער מוח, אַן אנדער דעת תורה, מען גייט העכער און העכער 'בלי גבול'! אבער אנהויבן הויבט זיך עס אָן דווקא פון דער פשוט'ער אמונה פון הלל והודאה לה', דורך דעם גייט מען ערשט העכער.

דער רבי זאגט טאקע אין ספר המידות[כד]: "**על ידי ברכת המזון, הקדוש ברוך הוא נתוודע בעולם**" - דעם רבי'נס א ווארט!

אברהם אבינו וואס איז געווען דער ערשטער וואס האט מכיר געווען בבוראו און דער ערשטער וואס האט מפרסם געווען אלקות בוראו, האט פארשטאנען אז עס הויבט זיך אָן מיט דאנקען השם יתברך, אזוי ווי מען געפינט[כה] אז ער האט געמאכט אַן אשל און

---

במאכלים החומריים ומתדבקים בהם באדם האוכל אותם. וע"י הברכות שעליהם הנאמרות בכונה, הוא מסיר מהם הקליפות ההם, ומזכך החומר שלו ונעשה זך ומוכן לקבל קדושה. **והזהירני מאד בזה.**

**כב.** עיין באוסף אמרים (חנוכה, ניצוצות עמ' שי"ד) וז"ל מורינו שליט"א: רבי אפרים'ל ע"ה היה משנן תמיד את דברי האר"י הק' הנ"ל, שאחד מתיקוני הנפש הגדולים ביותר שמשם שואבים רוח הקודש, הם המאה ברכות בכל יום. ואם היינו מכירים בגודל ענין ההודאה, שהוא ממתיק הדינים וממשיך השפע, היינו מרבים לעסוק בזה, והיינו ניגשים באופן אחר לאמירת הברכות לתפילה ולאמירת תהלים.

**כג.** ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ב', וז"ל: ובחי' תודה, שהוא שעשוע עוה"ב, זה בחי' הלכות. כי ההלכות שזוכין ללמוד, בפרט מי שזוכה לחדש בהם, זה בחי' שעשוע עוה"ב, בבחי' (נדה עג). כל השונה הלכות בכל יום מובטח לו שהוא בן העולם הבא. כי כשנתחדש הלכה, נתחדש שכל וידיעה, והדעת הוא עיקר שעשוע עוה"ב כנ"ל. עכ"ל, עיעו"ש.

**כד.** ערך אכילה חלק ב' אות ג'.

**כה.** בראשית כא לג.

געגעבן צו עסן און צו טרינקען, און געזאגט: **"עולם, דאנקט דעם בורא עולם וועלכער איז 'זן ומפרנס' דער בריאה - דאנקט און לויבט!"**. (ער האט פארשטאנען אז) פון דעם וועט זיך אנהויבן אז עס וועט ווערן גרים, עס וועט ווערן 'תלמידיו של אברהם אבינו' וועלכע וועלן מפרסם זיין זיין תורה און זיין חכמה!

הויבן הויבט זיך עס אָן פון דא, דאס איז דער אנהויב, עס ווערט מקושר גשמיות מיט רוחניות, עס איז גאר עפעס אנדערש, אַן אנדער סארט גשמיות.

דערפאר ווערט געבראכט, אז צדיקים ווען זיי עסן איז דא השראת השכינה. אזוי ווי יצחק האט געזאגט[כו]: **"וְאֹכֵלָה וַאֲבָרֶכְכָה לִפְנֵי ה'"**. ווייל בשעת דער צדיק עסט איז דא השראת השכינה; דורך די גשמיות'דיגע עסן ווערט ער ניזון פון זיו השכינה פון אויבערשטן ממש צוזאמען מיט דאס עסן.

מיט דעם פארשטייט מען וואס דער רבי זאגט[כז]: **"על ידי אכילתן של ישראל נעשה יחוד קודשא בריך הוא ושכינתיה אפין באפין!"** - א הארת פנים. דאס טייטש, ווייל עס איז דא שפע וואס קומט 'מאחורי כתפי' - מען גיט שפע און מען זעט נישט ווער עס גיט און פון וואו מען נעמט, אבער מיט אזא סארט עסן פון הודאה, ווערט א הארת פנים ממש[כח].

---

**כו.** בראשית כז, ז.

**כז.** ליקוטי מוהר"ן סי' ס"ב.

**כח.** עיין בספר כדת נפש משיבת (מאמר עם לבבי אשיחה) וז"ל מורינו שליט"א: מה גם שע"י הנהגה של תפילה והודאה זוכה האדם לקבל מלמעלה שפע אחר לגמרי, מקבל הוא את השפע ממקום קדוש, מרגיש הוא מתוך השפע את השגחתו ית', וכתוצאה מכך ישתנו כל פעולותיו לטובה, אכילתו ושתייתו יהיו נעלים יותר, וכן כל שאר הנהגותיו ופעולותיו יתעלו ויתברכו יותר ויותר.

כאשר האדם ניגש לעבודה זו בתמימות, הרי הוא נכנס לעולם אחר לגמרי, מתחיל הוא לחיות מחדש בעולם מלא חיות, בעולם של אמונה, וכמו שמצינו בליקו"מ שהאמונה הוא בחי' **"ארץ-נושבת"** – הרי שעל ידי עבודה נעימה זו זוכה האדם לצאת מארץ-חרבה ולהכנס

## לעתיד - די גאנצע בריאה וועט זינגען

פון דא הויבט זיך עס אָן - און נאר פון דא! מען דארף זיך בארעכענען, די בריאה זינגט דאך כסדר - פלאי פלאות, אלעס זינגט, אבער אלע שירים וואס די בריאה זינגט, איז דער תכלית אז 'מיר' זאלן זינגען. כל שכן, בשעת די בריאה וועט זינגען בשעת עס וועט מתוקן ווערן דער בריאה, דאס וועט זיין גאר אַן אנדער שיר, אַן אנדערער שיר, ממש עס וועט שיינען אין דער גאנצער וועלט דער 'שיר שיתער לעתיד', דער שיר 'פשוט כפול משולש ומרובע'.

דער רבי זאגט[כט]: דער שיר 'פשוט כפול משולש מרובע' דאס איז א גילוי אלקות (פון דעם שם הוי"ה וואס וועט ווערן) דורך דעם שיר; י' איז פשוט, י"ק איז כפול, יק"ו איז משולש, יקו"ק איז מרובע, וואס צוזאמען איז דאס צען אותיות, דאס איז די עשרה מיני נגינה, דאס איז בגימטריא ע"ב, דאס זענען די ע"ב נימין, און דאס איז אזא מין שיר וואס איז השגה מיט שירה אינאיינעם. דערפאר זאגט דער רבי אז דאס איז 'שעשוע עולם הבא', דאס איז גאר דער תכלית פון דער בריאה, און עס הויבט זיך אָן פון דברים פשוטים וגשמיים[ל].

לארץ-נושבת, ואף שאפשר שיקח לאדם זמן מה מעת הכנסו לעבודה זו עד שיזכה להרגיש את עצמו בבחי' ארץ-נושבת, עכ"ז אל ירפה, כי בסופו של דבר יזכה לזה בס"ד.

**כט.** עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ח': כי זה הקול המשקה את הגן, שהוא בחי' ונהר יוצא מעדן, הוא בחי' קול הניגון של השיר שיתער לעתיד כשיחדש את עולמו, שהוא בחי' שיר פשוט כפול משולש מרובע. וזהו 'כשפר' ר"ת פשוט כפול שלוש רבוע, שהוא בחי' השיר שלעתיד, שהוא בחי' הקול המשקה את הגן, שע"י זה הקול דייקא, הוא יכול להוכיח. וזהו הרם כשופר קולך, כשפר דייקא כנ"ל. וזהו בחי' מושכין עליו חוט של חסד, הנאמר במוכיח הראוי, כשרז"ל (תמיד כח) המוכיח את חבירו לשם שמים, מושכין עליו חוט של חסד, שנאמר מוכיח אדם אחרי חן ימצא. כי חוט של חסד, זה בחי' שנקלע ונשזר ונעשה חוט מהנימין. שעל אלו הנימין (שקורין סטירינס), יתנגן הניגון והשיר הזה של לעתיד, שהם ע"ב נימין, כנגד שם י' י"ק יק"ו יקו"ק, שהוא בחי' שיר פשוט כפול וכו' כמובא בתיקונים (תי' כ"א) שהוא עולה כולו ע"ב. ועל אלו הנימין יתנגן השיר הזה שלעתיד כשיחדש את עולמו, בבחי' (תהלים פט) עולם חסד יבנה, שאז יתער שיר פשוט וכו'. וזהו בחי' חוט של חסד הנ"ל, הנאמר במוכיח הראוי, היינו בחי' החוט הנעשה מהנימין הנ"ל, שעליהם יתנגן השיר הזה, כשיהי' חידוש העולם,

**ל.** עיין באוסף אמרים (חנוכה מאמר ב') וז"ל מורינו שליט"א: עוד מתבאר שם (בליקוטי הלכות

## נישט געוואלט אויפוועקן דעם האַן...

א מענטש זאל וויסן, אז מען זאל נישט שלאפן חלילה - - עס איז געווען א יונגערמאן אין די אונגארישע הייזער וואס האט נישט געהאט קיין שלאף, ער איז ארומגעגאנגען און געמאכט משוגע דער גאנצער שטאט, ער האט נישט געהאט וואס צו טון, ווען ער האט געטראפן אין גאס האט ער איבערגעקערט דער וועלט, ער שלאפט נישט... אפילו מיט פילן (- טאבלעטן) און מיט אלעס איז ער געשלאפן אפשר א דריי-פערטל שעה... מען ווייסט נישט וואספארא מין חסד דאס איז אז א מענטש קען זיך לייגן שלאפן; "המפיל חבלי שינה על עיני".

אמאל איז געקומען אַן אורח צו רבי אפרים'ל ע"ה[לא], איז ער געגאנגען נעמען א מאטראץ פאר אים כדי ער זאל זיך קענען

---

תפילה הלכה ד') ענינה הנשגב של ההודאה, שהיא שעשועי עולם הבא, בבחינת **'כל הקרבנות יהיו בטלין חוץ מקרבן תודה'** (ויק"ר ט' ג') – בעולם הבא יתבטלו כל אופני ההתקרבויות להשי"ת ע"י עשיות בפועל, כיון שאין שייך שם עשיית מצוות, חוץ מקרבן תודה, כלומר חוץ מההתקרבות ע"י תודה והודאה – לפי שגם שם נודה על זיו השכינה שזוכים לה, והרי זה שעשועי עולם הבא.

ואופן ההודאה שתהיה לעתיד לבא, צריך לומר, שתהא בבחינת רצוא ושוב, כי הרי ע"י קיום כל המצוות נזכה לזיו השכינה, ועל זה נודה להשי"ת, ועל ידי ההודאה נמשיך יותר ויותר זיו השכינה, וגם עליה נודה להשי"ת וחוזר חלילה.

**לא.** ה"ה **הגה"צ ר' אפרים צבי** בן הג"ר אלתר בן ציון **קראקאווסקי זצ"ל**, הנקרא בלשון חיבה ר' אפרים'ל, נולד שנת תר"מ בפשעדבארז' שבפולין, לאביו הג"ר אלתר בן ציון ז"ל חבר בד"ץ פשעדבארז'. היה דור חמישי מהרה"ק ר' דוד מ'לעלוב זצ"ל, ואחר פטירת אביו נתמנה רבי אפרים צבי למלאות מקום אביו. נתקרב לרביז"ל ותלמידיו על ידי הגה"ח ר' נחום שוסטער ז"ל, עלה לארץ ישראל בערך בשנת תרצ"ה, היה גדול בתורה ביראה וקדושה, וענוותנותו וטוב לבו היו פלאות, תמיד היה שואל בשלום ילדים קטנים כבן גילם ממש, וז"ל מורינו הגרי"מ שליט"א (אוסף מכתבים חלק ב' מכתב ע"ח) שהרה"צ רבי אפרים'ל זצ"ל בעל ספר המכתבים הנקרא 'עונג שבת', שכידוע היה מאנ"ש, "גאון עולם ועניו וצדיק", עכ"ל, ועיין בספר מעינים בנחלים (מכתב ט"ו) כמה סיפורים נפלאים ששמע הגר"מ קרעמער שליט"א ממורינו הגרי"מ שליט"א אודותיו, לאחר הסתלקותו נקבצו קצת ממכתביו מלא גאונות ולומדות בספר 'עונג שבת', ולאחרונה נסדרו מחדש על סדר הפרשיות בספר הנקרא 'שערי אפרים', נסתלק ט"ז טבת שנת תש"ו, בהיותו בן שישים ושש שנים, ומנוחתו כבוד

לייגן שלאפן. איז ער אריינגעגאנגען און גייט ארויס צוריק, ער גייט אריין און גייט ארויס צוריק. די רעביצין האט נישט געוואוסט, 'פארוואס וויל ער נישט אריינגיין?' א האָן האט געכאפט א דרימל אויף דעם מאטראץ... אין מחסן (- קעלער) פלעגט מען אמאל האדעווען א האָן. (ור' אפרים'ל הרגיש בעצמו:) דער האן איז אזוי פארמאטערט פון א גאנצן טאג, דער אויבערשטער האט מפיל געווען 'חבלי שינה על עיניו', האט ער אים נישט געקענט אויפוועקן. א האן שלאפט - ער האט נישט געקענט אויפוועקן דעם האן. אז דער אויבערשטער האט געהאלפן און זי האט אראפגעטאנצט אליין, האט ער געקענט אריינגיין.

עס איז שוין באלד זעכציג יאר נאך זיין הסתלקות. ביי דעם מענטש האט מען געזען טאקע ווי ער האט געגעסן 'למען' די ברכה, ער האט געטרינקען 'למען' די ברכה, מען האט עס פשוט געזעהן!

די שמחה פון דער ברכה איז געווען מורא'דיג אין דער וועלט!

ווען עס פלעגט קומען אַן אורח, האט ער באזונדער געהאט צוויי סארטן ווייען, ער פלעגט אים געבן אביסל וויין, און נאכדעם נאך אביסל וויין, כדי ער זאל מאכן דער ברכה "הטוב והמטיב". ער האט געלעבט פון ברכות.

דאס איז א מורא'דיגע זאך, **דאס איז 'תכלית התמימות'!**

**דאס איז דער "זה השער לה'"!**

**עס איז נישטא קיין אנדער 'שער'!**

## מיט קליפת יון איז נישט קיין לעבן

אט דאס איז די ארבעט פון חנוכה, דער הייליגער רבי טייטשט אפ אז אט דאס איז 'גופא דחנוכה'.

---

בהר הזיתים בירושלים עיה"ק תובב"א.

אט די זאך אז דאס איז 'חיים' און אָן דעם איז 'מיתה', איז ממש מפורש אין דער תורה 'דרשו ה' ועוזו בקשו פניו תמיד'[לב]. ווייל דער רבי זאגט דארט, דער עיקר הבריאה איז דאך געווען "**בגין דישתמודעין ליה**" - אז מען זאל וויסן פון בורא עולם, אזוי ווי עס שטייט: "**וְלִכְבוֹדִי בְּרָאתִיו יְצַרְתִּיו אַף עֲשִׂיתִיו**". ['**לכבודי**' דאס איז אצילות - האבן מיר אַן אור פון אצילות. פון דעם איז געווארן '**בראתיו**' - בריאה. נאכדעם איז געווארן '**יצרתיו**' - יצירה. נאכדעם '**אף עשיתיו**' - עשיה]. און דער רבי זאגט דארט מפורש, דאס איז "חכמה וסכלות". 'חכמה' זאגט דער רבי, דאס איז 'חכמת התורה'. 'סכלות' איז 'חכמת יוונית', דאס איז 'קליפת יון'. און דאס איז "אור וחושך"; אמונה איז 'אור', און כפירה איז 'חושך' ממש. 'חושך', זאגט דער רבי, איז 'מיתה', אזוי ווי עס שטייט: "**בְּמַחֲשַׁכִּים הוֹשִׁיבַנִי כְּמֵתֵי עוֹלָם**". און 'חכמה' איז 'לעבן', אזוי ווי עס שטייט: "**הַחָכְמָה תְּחַיֶּה**". 'סכלות' איז דאס פארקערטע, "**יָמוּתוּ וְלֹא בְחָכְמָה**".

מען זעט, דער רבי דרש'נט דרשות נפלאות וואס עס שליסט איין דרש מיטן צווייטן, וואס איז ממש אפגעטייטשט אז דאס איז 'חיים' און דאס איז 'מיתה'.

## מנצח געווען דעם ס"מ אליין

מען זעט, יעקב אבינו ע"ה האט געהאט זייער א שווערע נאכט (בהאבקו עם שרו של עשו). [עס האט א שייכות צו חנוכה אויך, ווייל

---

**לב.** עי' ליקוטי מוהר"ן תורה לז: "**דרשו ה' ועוזו בקשו פניו תמיד**". **כי עיקר הבריאה היא, בגין דישתמודעין ליה,** (זוהר בא מ"ב ע"א) כמ"ש (ישעיה מג, ז) **לכבודי בראתיו יצרתיו אף עשיתיו. וגוף ונפש,** הם בחי' **אדם ובהמה,** חומר וצורה, **חכמה וסכלות,** בחי' **אור וחשך.** כמ"ש (קהלת ב, יג) כיתרון אור מן החשך וכו', וכמ"ש (רז"ל ברכות ל"ג ע"א) גדולה דיעה שניתנה בין שתי אותיות, שנאמר (שמואל-א ב, ג) כי א-ל דעות ה'. וכתיב (תהלים קיח, כז) אל ה' ויאר לנו, וכתיב (שם פב, ה) לא ידעו ולא יבינו. והם בחי' **חיים ומיתה,** כמ"ש (קהלת ז, יב) **החכמה תחיה** וכו', וכתיב (איוב ד, כא) **ימותו ולא בחכמה,** וכתיב (איכה ג, ו) **במחשכים הושיבני** וכו' ... **והם בחי' חכמות התורה, שחכמות חיצוניות הם חומר וסכלות, ובחי' בהמה, כנגד חכמות התורה.**

עס איז געווען דעמאלטס 'ריפוי ההוד'; דאס "**צולע על ירכו**"[לג] איז געווען אין 'הוד'[לד] וואס דאס איז 'חנוכה', און דעמאלטס איז געווען "**וַיִּזְרַח לוֹ הַשֶּׁמֶשׁ**", עס איז געווען דער 'אור' וואס האט אים אויסגעהיילט[לה]]. איז יעקב אבינו האט געהאט זייער א שווערע נאכט, א מורא'דיגע שווערע נאכט, עס האט געארבעט מיט אים דער ס"מ אליין, נישט קיין שלוחים. עס האט געארבעט אויף אים אין דער נאכט - עבודה זרה, גילוי עריות, שפיכות דמים, ער האט געקענט ווערן ערגער ווי עשיו'ן.

ווען איז געווארן 'אתתקף חילא דיעקב'? זאגט דער זוהר[לו], אז עס איז געקומען פארטאגס, "**בְּרָן יַחַד כֹּכְבֵי בֹקֶר, וַיָּרִיעוּ כָּל בְּנֵי אֱלֹקִים**" - די בריאה האט אנגעהויבן זינגען, איז דורך די שירה "**איתתקף חילא דיעקב ואתחלש חילא דס"מ**".

מיט וואס האט ער אים מנצח געווען? מיט דער שירה פון 'ברן יחד כוכבי בוקר'! דער זוהר זאגט, אז עס קומט אינדערפרי, הויבן אָן צו זינגען אלע כוכבים, אלע מזלות, אלע הימלען, ווייל אז עס איז געענדיגט די נאכט ווערט א שירה, איז אט די שירה האט גורם געווען אזא מין קראפט אין יעקב אבינו, אז 'אתתקף חילא דיעקב', ער האט מנצח געווען דעם ס"מ בכח השירה.

---

**לג.** בראשית לב, לב.

**לד.** עי' זוהר הק' ח"א קעא ע"א.

**לה.** עיין כל זה במגלה עמוקות פר' מקץ.

**לו.** חלק ג' מ"ה ע"א, וז"ל: ת"ח ויוותר יעקב לבדו כדין ויאבק איש עמו וגו' (בראשית לב, כה), תנינן מסטרא דדינא קא אתי ושולטניה בסטר ליליא מאי בסטר ליליא לאעלא גלותא (נ"א בגלותא) כיון דסליק נהורא תשש חיליה ואתגבר עליה חיליה דיעקב, (נ"א הוא) דהא מסטרא דליליא קא אתי ובזמנא דהוה ליליא לא הוה יכיל ביה יעקב, כד סליק נהורא אתתקף חילא דיעקב ואחיד ביה ואתגבר עליה, חמא ליה יעקב דהא שליחא הוא, א"ל שבוק לי דלא יכילנא לך, מ"ט לא יכיל ליה בגין דהוה סליק נהורא ואתבר חילא דידיה דכתיב (איוב לח, ז) ברן יחד ככבי בקר ויריעו כל בני אלהים, מאי ויריעו, דאתברו כל אינון דאתיין מסטרא דדינא, כדין אתתקף יעקב ואחיד ביה,

## "וְלֹא תְכַבֶּה אֶת נֵר יִשְׂרָאֵל"

מען זעט טאקע, בשעת דוד המלך איז געווען אויף דער עלטער, איז ער אמאל ארויס אויפן פראנט, און איינער פון די 'בני הָרָפָה' האט אים שיעור מנצח געווען. די 'בני הרפה' זענען געווען פון די קינדער פון עָרְפָּה וועלכע האבן זיך אלץ פארלייגט צו הרג'ענען דוד המלך. איינמאל האט איינער (- ישבי) זיך שטארק פארלייגט און עס איז געווען איינגעשטעלט. האבן די אלע גענערעלער און די שרי צבא ארום געשוואוירן אז מען לאזט אים מער נישט גיין אויפן פראנט, "**וְלֹא תְכַבֶּה אֶת נֵר יִשְׂרָאֵל**"[לז] - [כדי עס זאל נישט פארלאשן ווערן] דאס אידישע ליכט!

ער איז דאך געווען דער בעל הודאה, דער בעל הכרה, דער 'נעים זמירות ישראל' וועלכער האט געזאגט שירה פארן גאנצן כלל ישראל, פאר דער גאנצער בריאה, אט דאס איז 'נר ישראל'!

יעדער איינער דארף ווערן א 'נר', יעדער איינער דארף ווערן א נר ישראל - יעדער איד! דאס איז די ארבעט פון חנוכה, דאס איז די השתוקקות בשעת מען צינדט אָן די ליכט, 'רבונו של עולם, "תאיר נרי" - מאך מיר ליכטיג אין מוח! עס זאלן נישט שולט זיין אויף מיר 'קליפת יון' מיט דער סטרא אחרא פון דער גאנצער 'יושב בסתר'[לח] וואס מען זאגט: "**יִפֹּל מִצִּדְּךָ אֶלֶף וּרְבָבָה מִימִינֶךָ וגו'. עַל שַׁחַל וָפֶתֶן תִּדְרֹךְ תִּרְמֹס כְּפִיר וְתַנִּין וגו'. לֹא תְאֻנֶּה אֵלֶיךָ רָעָה וגו' מֵחֵץ יָעוּף יוֹמָם וגו'. מִקֶּטֶב יָשׁוּד צָהֳרָיִם**" - דאס איז דאך אלץ קליפות פון דער סטרא אחרא, פון קליפת יון, פון בלבולי אמונה רחמנא ליצלן - רייס זיי אוועק, רבונו של עולם, נעם זיי צו פון מיר! גיב מיר לעבן, גיב מיר חיות, גיב מיר אמונה, גיב מיר הודאה!'

לאמיר אנהויבן אונזער שירה, איצטער לאמיר אנהויבן אונזער שירה, אלעס גייט ארום דעם.

---

**לז.** שמואל–ב כא, יז.

**לח.** תהלים צא.

**וואו איז מיין געזאנג?**

**די בריאה זינגט טאקע, אבער וואו איז מיין שירה? ווען וועלן מיר דערוועקן אונזער שירה צו השי"ת?!** אז דער אויבערשטער העלפט אז די עבודת ה' איז מבחינת שירה וזמרה, מבחינת שמחה, דאן איז דער לערנען א שירה וזמרה, די קיום המצוות איז שירה וזמרה, די מידות טובות איז א שירה וזמרה, אלעס ווערט א שיר.

עס איז אַן אנדער סארט אידישקייט, א אידישקייט וואס דאס גאנצער דינען דעם אויבערשטן איז א שירה וזמרה צו השי"ת! עס ווערט א חיות אין אלץ וואס מען טוט - אין רוחניות וגשמיות! מען דינט דעם אויבערשטן מיט תורה און תפילה, מיט כפיית היצר, און ביי גשמיות'דיגע זאכן פירט מען זיך באמת ובאמונה, דאן ווערט מען א בעל שיר צום אויבערשטן! דאס דאווענען איז א שירה! דער לערנען איז שירה! עס איז אַן אנדערע זאך.

די גאנצע עבודת ה' איז, זיך דערהויבן אין אידישקייט מיט שמחה און הודאה, מיט שירה וזמרה![לט]

אט דאס איז די ארבעט פון חנוכה, דאס דארף מען זיך דערוועקן, **"כי אתה תאיר נרי ה' אלקי יגיה חשכי"**.

---

**לט.** עיין בספר דֶרֶך כוכב (תורה ג' שיעור ב') וז"ל מורינו שליט"א: ולמעשה אפשר גם לנו לקיים את כל הדברים האמורים, להקדיש זמן מיוחד לומר שירה לפני השי"ת, והיא היתה עבודת הצדיקים בדורות הקודמים, שהיו מתעוררים וקמים בחצות הלילה או באשמורת הבוקר לומר שירה לפני השי"ת כגון בפיוט של "ידיד נפש אב הרחמן" וכמו שמצאתי שבעל ספר 'חרדים' כותב על עצמו: 'ושרנו ידי נפש אב הרחמן'.

וכן אפשר לקיימם בפשיטות בתפילות הרגילות שבכל יום, בפסוקי-דזמרה שהם שירים של דוד-המלך, ושאר התפילה שהם שירים של אנשי-כנסת-הגדולה, כאשר אומרים אותם בחיות ובנעימה, אזי נכנסים בהני חבורתא קדישתא האומרים שירה בקביעות לפי הקב"ה, היינו להתפלל בחשק בחיות ובנעימה, וזו היא השירה האמיתית לפני השי"ת, שכל כך הפליגו בה חז"ל והצדיקים שבכל הדורות.

ובספר מעבר-יבק מובא: 'כשם שאדם מנגן לפני הקב"ה בכמה ניגונים משירות ותשבחות והודאות [בעוה"ז], כמו כן כשעולה למעלה – כל פמליא של מעלה וכל החיות, וכל המרכבות ומחנות מלאכים קדושים, היינו אופנים ושרפים, פורשים כנפיהם בשמחה ובניגון לקבלו'.

דער אויבערשטער איז **'הבוחר בשירי זמרה'** - בפרט אין אונזערע זמירות, **"עַם זוּ יָצַרְתִּי לִי תְּהִלָּתִי יְסַפֵּרוּ"**[מ]. זאל דער אויבערשטער אונז העלפן, ער זאל אונז געבן שפע ברכה והצלחה ברוחניות ובגשמיות, מען זאל זאגן שירה וזמרה, עס זאל ניתוסף ווערן שפע, ביז עס וועט זיין דער 'שיר שיתער לעתיד' וואס דעמאלטס וועט ווערן ליכטיג די גאנצע בריאה אין אלע בחינות, במהרה בימינו אמן.

**מ.** ישעיה מג, כא.

# עמודי התווך

ברכת השיר והשבח לכבוד הני נדיבים בעם,
אנשי חיל יראי אלקים, שנדבה לבם הטוב,
**להיות חבר ושותף מידי חודש בחודשו במפעל הקדוש כזה,**
להרביץ תורה ויראה טהורה בקרב עם סגולה

ה"ה

מוה"ר **בעריש קויפמאן** הי"ו

מוה"ר **יוסף מרדכי כהנא** הי"ו

מוה"ר **שמעון קויפמאן** הי"ו

מוה"ר **יוסף בנציון שווארטץ** הי"ו

מוה"ר **מאיר מרדכי בערקאוויטש** הי"ו

מוה"ר **יחיאל מיכל שלעזינגער** הי"ו

ויה"ר מן קדם אבוהון דבשמיא, דזכות זה יעמוד
להם ולזרעם עד עולם,עם רוב תענוג ונחת
דקדושה כל הימים

# ברכה לראש משביר

ברכת מזל טוב לכבוד הרבני הנגיד, נפשו יקרה, מדותיו
מפוארה, אוהב תורה ולומדיה, לבו ער לכל דבר
שבקדושה
ה"ה

## מוה"ר **חיים נאה** הי"ו

מעמודי התווך

לרגל שמחת אירוסי בנו הבה"ח **מרדכי דוב** נ"ו

עב"ג הרה"ג **יודא לייב ניימאן** שליט"א

דומ"ץ ביהמ"ד הגדול דקהל ויואל משה ד'סאטמאר מאנסי

ויה"ר מן קדם אבוהון דבשמיא, שהזיווג יעלה יפה יפה, ויזכו לבנות בית נאמן בישראל, דורות ישרים ומבורכים, ואך טוב וחסד ירדפם כל ימי חייהם, לתפארת משפחתם החשובה, עדי נזכה לביאת משיח צדקינו בב"א

# יאמץ לבך

פאר הונדערט יאר צוריק האבן שוין צדיקים געזאגט אז עס וועט קומען א צייט וואס עס וועט קענען זיצן א מענטש ביי אים אין שטוב מיט א מאשינדעלע און געבן א קוועטש א קנעפל, און עס זאל גע'הרג'עט ווערט בסוף העולם עטליכע מיליאן מענטשן! (עיין חיי מוהר"ן אות תקמ"ו) מען האט דאס געגלייבט? עס איז געווען שווער צו גלייבן אזא זאך!

היינט, זייך איך מיר דא אזוי אין שטוב – און עס פליעט ארויס אַן אטאָם און עס הרג'עט מיליאנען מענטשן רחמנא ליצלן...

אט האט איר א דוגמא; אז מען זעט אז בדרך הטבע איז דא אזא זאך אין 'רע', דארף מען וויסן אז אין 'טוב' איז אויך דא אזעלכע זאכן, **עס איז נישט נאר למעלה מדרך הטבע, נאר עס איז אויך אין דער טבע, דער אויבערשטער קען אויך מאכן 'אין' דער טבע גרויסע זאכן לטובה!**

**מען דארף עס נאר גלייבן, און די אמונה איז שוין ממשיך די ישועה!**

(דברות קודש הכנה לחג הפסח תשס"ח לפ"ק)